# יאָמע, יאָמע

I

יאָמע, יאָמע שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל –
דאָס מיידעלע וויל אַ פּאָר שיכעלעך האָבען,
מוז מען גיין דעם שוסטער זאָגען ...
- ניין, מאַמעשי, ניין,
דו קאָנסט מיך נישט פֿאַרשטיין,
דו ווייסט נישט וואָס איך מיין!

II

יאָמע, יאָמע שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל –
דאָס מיידעלע וויל אַ קליידעלע האָבען,
מוז מען גיין דער שניידערין זאָגען ...
- ניין, מאַמעשי ... א.אַ.וו.

III

יאָמע, יאָמע שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל –
דאָס מיידעלע וויל אַ היטעלע האָבען ...
מוז מען גיין דער פּוצערקע זאָגען ...
- ניין, מאַמעשי ... א.אַ.וו.

IV

יאָמע, יאָמע שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל –
דאָס מיידעלע וויל אַ פּאָר אוירינגלעך האָבען,
מוז מען גיין דעם גאָלדשמיד זאָגען ...
- ניין, מאַמעשי ... א.אַ.וו.

V

יאָמע, יאָמע שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל –
דאָס מיידעלע וויל אַ חתנ׳דעל האָבען,
מוז מען גיין דעם שדכן זאָגען ...
- יאָ, מאַמעשי, יאָ,
דו קאָנסט מיך שוין פֿאַרשטיין –
דו ווייסט שוין וואָס איך מיין!